# פרשת בהעלותך י"ג - י"ט סיון תשע"ט לפ"ק

***יום ראשון פרשת בהעלותך***

בשעת אחר הצהרים השתתף **רבינו שליט"א** אצל אסיפת הרבנים על ידי 'וועד משמרת ברית קודש' לעניני ברית מילה, שהתקיים בבית המדרש גאלאנטא, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברים:***

**איך** וויל קודם באגריסען די חשובע רבנים וואס האבן גענומען צייט אטיילצונעמען ביי די אסיפה. מען האט פריער געהערט פונעם פאלטישאנער רב זאל זיין געזונט [הרה"ג רבי יצחק שטיין שליט"א], ער האט אזוי שיין ארויסגעברענגט די אלע פראבלעמען וואס איז דא. איך וויל נאר אזויפיל באשטעטיגען, אז מיר זענען געזעסן שעות ארוכות און באשטעטיגט די אלע ווערטער וואס ער האט געזאגט, אז עס איז דא פראבלעמען. עס איז שווער מתקן צו זיין א זאך פונעם עבר, אבער אויפן עתיד דארף מען טון די בעסטע וואס מען קען. פארוואס זאל נישט זיין אזוי ווי ביי יעדע אומנות, אז מען זאל זיך אהערשטעלן, און באקומען א כתב אז מען ווייסט וואס מען טוט. מען זאל קענען האבן מוהלים, וואס טוען זייער עבודת הקודש בשלימות. מען רעדט נישט פונעם עבר, פון מוהלים וואס זענען שוין מפורסמים פאר מוהלים, זיי האבן שוין ביז יעצט גע'מל'ט. אוודאי איז ביי זיי אויך חשוב ווען זיי גייען עס אדורך, אבער מען רעדט יעצט פון מכאן ולהבא.

**פארוואס** זאל נישט זיין ארויסגעשטעלט א מהלך, אז ווען איינער וויל זיין א מוהל, קען ער נישט צוקומען צו זיין א מוהל, ביז ער האט זיך נישט אויסגעלערנט די פאך ווי עס דארף צו זיין. און ווי מען האט פריער גערעדט, מען וויל נישט ח"ו אוועקנעמען די עידוד פון יונגע מוהלים, אדרבה מען דארף האבן יונגע מוהלים, און מען דארף זעהן זיי צוצוהעלפען. משפחה דארף מכבד זיין אזעלכע וואס קענען עס טון. אונז אלע ווען מיר האבן זיך געלערנט די ערשטע מאל צו זיין א מוהל, איז עס אויך נאר געווען אזוי, אז עס זענען צוגעקומען משפחה מיט נאנטע פריינד און זיי האבן מכבד געווען צו זיין מוהל. קיינער קען נישט זיין א מוהל מומחה תיכף, אבער עס איז געווען צוגעשטעלט, מען האט געהאט א מוהל מומחה וואס איז געשטאנען אינדערזייט, וואס איז געווען א עומד על גביו ביי די ערשטערע ברית'ן וואס מען האט געמאכט, און אז מען האט געדארפט עפעס מתקן זיין, האט ער אויסגעלערנט וואס מען דארף צו טון. פארוואס זאל דאס זיין, אז שפעטער ווען ער גייט שוין אויף די אייגענע האנט, זאל ער קענען מאכן ברית'ן אן דעם וואס ער האט א כתב אז ער ווייסט וואס ער טוט.

**מצוות** מילה איז פון די ערשטע מצות אין די תורה, אויף מילה איז נכרתו י"ג בריתות (נדרים לא:), עס איז היינט די איינציגסטע מצוה אין די תורה, וואס איז דא אויף דעם א חיוב כרת, טאמער מען איז עס נישט מקיים וואו עס דארף צו זיין. דער ערשטער מוהל איז געווען אברהם אבינו, דער אייבערשטער האט אים מכבד געווען צו זיין א מוהל, ער איז אויך נישט געווען א מומחה פון פארדעם, ער האט נישט געהאט א כתב אז ער קען מל'ן. די צווייטע ברית אין די תורה איז געווען צפורה, וואס זי האט גענומען א צור און זי האט גע'מל'ט (שמות ד-כה), אבער צו דעם האט אויסגעפעלט וכרות עמו הברית (נחמיה ט-ח), כביכול דער אייבערשטער אליין איז מיטגעשטאנען מיט אברהם אבינו, ער זאל זיך קענען מל'ן. ער איז שוין געווען א זקן, קרוב צו די הונדערט יאר, און ער האט זיך געדארפט אליין מל'ן, און זיינע ילידי ביתו, און אלעס אינעם זעלבן טאג. ער האט זיך נישט געלערנט פארדעם ווי אזוי ער זאל עס טון, עס איז געווען וכרות עמו הברית, האט ער געהאט סייעתא דשמיא, דער אייבערשטער האט אים צוגעהאלפן. - אבער על כל פנים מיר האבן נישט דעם וכרות עמו הברית, דארף מען זעהן צוצושטעלן אז עס זאל זיין גוטע מוהלים, וואס קענען די אומנות און די הלכות ווי עס דארף צו זיין.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, אז עס זאל זיך איינגעבן די תקנה, אז פון היינט און ווייטער, א פרישער מוהל וואס וויל ווערן א מוהל, זאל זיך צושטעלן קודם אז ער זאל האבן א עומד על גביו ביי די ערשטערע ברית'ן וואס ער דארף אליין מל'ן. און נאכדעם ווען ער וויל ארויסגיין פאר זיך אליין, אז ער זאל זיין א מוהל מומחה, א מוהל אומן, זאל ער

דארפן האבן א באשטעטוגנג פון א רב, אז ער קען די הלכות, און אז א מוהל האט אים געזעהן מל'ן, און ער איז מעיד אז ער קען די אומנות. מען זאל קענען מכניס זיין קינדער בבריתו של אברהם אבינו, מען זאל נישט דארפן איבערמל'ן. המול ימול (בראשית יז-יג), דרשנט די גמרא ערגעץ אנדערש (ב"מ לא.), אז עס איז אפילו מאה פעמים. אמאל איז וואס עס איז המול, און עס איז נאכדעם ימול, מען דארף איין מאל מל'ן, און נאכדעם א צווייטע מאל מל'ן. מען דארף זעהן אז די מילה זאל זיין ווי עס דארף צו זיין, מען זאל נישט דארפן מצער זיין א יודיש קינד צוויי מאל.

**איך** וויל נאר אזויפיל בעטן, אז די רבנים וואס קומען זיך דא צוזאם, יעדער זאל זאגן זיין חוות דעת וואס ער פילט אז מען קען טון אין די נושא. דער אייבערשטער זאל העלפן, אז עס זאל זיין מיט אסאך סייעתא דשמיא, מען זאל קענען מרחיב זיין די גבולי הקדושה בשמחה ובטוב לבב. אין זכות פון ברית מילה זאלן מיר זוכה זיין אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

בשעות הערב הגיע **רבינו שליט"א** לסידור קידושין אצל החופה של בן הר"ר **אברהם גראס** הי"ו, עב"ג בת הרב **משה יעקב פישער** שליט"א, שהתקיים באולם כתר רייזל.

אחר החופה נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי בשולחן ערוך (או"ח הלכות ברכת המזון סימן קפ"ח סעיף ז') בבית מדרשנו בבארא פארק. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בלימוד פרקי אבות בשבוע העעל"ט.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** האט געליינט שבועות מגילת רות, עס איז דא כמה טעמים פארוואס מען ליינט מגילת רות אין שבועות. אין מדרש (ילקוט רות תרא) שטייט, אז מגילת רות איז אנדערש פון אלע אנדערע פיר מגילות, וואס דארט איז דא געוויסע הלכות וואס מען לערנט ארויס פון דארט, אבער מגילת רות אין בה לא טומאה ולא טהרה, לא איסור ולא היתר, עס איז נישט דא דארט קיין שום הלכות. ולמה נכתבה, פארוואס איז געשריבן געווארן מגילת רות אין די כתבי קודש, כדי זיך אראפצולערנען די שכר טוב וואס דער אייבערשטער באצאלט פאר גומלי חסדים. דער פשוטער פשט איז, אז רות האט געטון אזויפיל חסד מיט נעמי, זי האט איר נישט געוואלט איבערלאזן כאטש זי האט מער גארנישט געהאט פון נעמי, אני מלאה הלכתי וריקם השיבני ה' (רות א-כא), און פון דעסטוועגן דאך איז רות געבליבן מיט איר, און זי האט זיך נאכדעם מגייר געווען. און דער אייבערשטער האט איר באצאלט, אז מלכות בית דוד איז ארויסגעקומען פון רות. זעהט מען דעם שכר פון גומלי חסדים.

**אין** אנהייב פון די מגילה זעהט מען אויך די ענין פון גומלי חסדים. רש"י (רות א-א) זאגט, אז אלימלך איז געווען דער גדול הדור, ער איז געווען דער פרנס הדור, ער איז געווען א גרויסער עושר. און עס איז געווארן א רעב אין ארץ ישראל, און ער האט געזעהן אז עס גייט אים קאסטן אסאך געלט צו בלייבן אין ארץ ישראל, יעדער וועט קומען נעמען ביי אים צדקה, און עס איז געווען עינו צרה אין די עניים, האט ער זיך מיישב געווען אז ער גייט אוועקגיין פון די יודישע געגענט, ער וועט אוועקמופן קיין מואב, וועט ער נישט דארפן געבן אזויפיל צדקה. און צום סוף האט פאסירט וואס עס האט פאסירט, מען קען נישט אויסשפילן דעם אייבערשטען, מען קען נישט אנטלופן. ער האט געוואלט ראטעווען זיין געלט, אבער ווען ער איז אוועקגעגאנגען האט ער פארלוירן זיין גאנצע געלט. ער האט פארלוירן זיינע צוויי קינדער, און שפעטער איז ער אליין געשטארבען. און זיין ווייב נעמי איז צוריקגעקומען צובראכענערהייט, און זי האט געזאגט, אז מען זאל איר מער נישט רופן נעמי, כי המר ה' לי (א-כ). א מענטש דארף טון וואס ער דארף צו טון, דער אייבערשטער האט דיך אראפגעשטעלט דא, און דו קענסט געבן צדקה, אנטלויף נישט, און מען קען נישט אנטלופן. אויב דו ווילסט דיר שפארן דיין געלט, דו ווילסט נישט געבן צדקה, איז ער געגאנגען דארט קיין מואב, און ער האט עס פארלוירן. - ליינט מען דאס אין שבועות, ווייל שבועות איז א זמן פון קבלת התורה, אז א יוד זאל וויסן, אז תורה גייט צוזאמען מיט גמילות חסדים. על שלשה דברים העולם עומד, על התורה ועל העבודה ועל גמילות חסדים. מען דארף מקבל זיין די תורה אין שבועות, עס איז נישט תורה אליין, מען זאל ליינען די מגילה

פון רות, אז א יוד זאל וויסן, אז מען דארף טון ביידע. אזוי שטייט אין די גמרא (עבודה זרה יז:), כל מי שיש בו תורה ואין בו גמילות חסדים, דומה כמי שאין לו אלו-ה. כדי צו ווייזען אז תורה אליין איז נישט גענוג, נאר מיט חסד צוזאמען, ליינט מען די מגילה פון רות.

*

**אין** מגילת רות שטייט, אז ווען בועז איז שפעטער אנגעקומען אויפן פעלד, האט ער געפרעגט, ווער די נערה איז. האט מען אים געזאגט, אז זי איז צוריקגעקומען מיט נעמי. האט ער איר געזאגט, אל תלכי ללקוט בשדה אחר, דו זאלסט נישט אוועקגיין קלויבן ערגעץ אנדערש, וגם לא תעבורי מזה, דו זאלסט זיך נישט אפטון פון דא, וכה תדבקון עם נערותי (ב-ח), אזוי זאלסטו זיך באהעפטן מיט די נערות וואס זענען דא. ער האט דאך שוין געזאגט, אז זי זאל נישט אוועקגיין קלויבן ערגעץ אנדערש, ליגט דאך שוין אלעס אין דעם, וואס האט ער צוגעגעבן וגם לא תעבורי מזה, גיי נישט אוועק פון דא, וכה תדבקון עם נערותי, זי זאל זיך באהעפטן מיט די איבריגע נערות וואס זענען דארט.

**איך** וועל מקדים זיין קודם א מעשה, וועט מען קענען בעסער פארשטיין די ווארט דערפון. די וועלט פארציילט נאך אויפן **רבי מענדעלע דעעש'ער זצ"ל**, א זון פונעם **מראה יחזקאל**. דער מראה יחזקאל איז געווען רב אין קארלסבורג, און רבי מענדעלע האט אלץ בחור געלערנט ביים **חתם סופר** אין די ישיבה. אמאל איז מען נישט אזוי אהיימגעפארן צו די עלטערן, און ער איז שוין געווען א עלטערע בחור, און ער האט זיך פארבענקט אז ער וויל שוין אהיימפארן צו די עלטערן, נאך א לאנגע צייט וואס ער איז נישט געווען. איז ער געגאנגען זיך געזעגענען פונעם **חתם סופר**. האט אים דער **חתם סופר** געזאגט, אז אויפן וועג דארף ער אדורכפארן אוהעל, און עס איז דא דארט א גרויסער גאון און צדיק דער **ישמח משה**, און עס איז כדאי אז ער זאל זיך באקענען מיט אים. אז דער רבי האט אזוי געזאגט, איז ער אדורכגעפארן אוהעל, און ער איז אריין צום **ישמח משה**. ער האט געדארפט איבערנעכטיגן דארט אין די שטאט, צופרי איז ער געווען הונגעריג, איז ער ארויסגעגאנגען אויפן מארק עפעס קויפן. איז געשטאנען דארט א יודישע טאכטער, וואס האט פארקויפט מעלאנע. האט ער געפרעגט, וויפיל קאסט די מעלאנע. האט זי געזאגט א פרייז, וואס איז געווען צו טייער פאר אים, אז ער זאל עס קענען באצאלען. איז ער אוועקגעגאנגען. זעהט אויס אז דאס מיידל איז געווען א מלומדת, האט זי זיך אנגערופן און זי האט געזאגט, צדיק זה בא לבית מלוני (מעלאנע), ויפטור בלא מעלאנע (לינה). עס איז דא א לשון אין די גמרא (חולין צא:) צדיק זה בא לבית מלוני ויפטור בלא לינה. אמאל איז מען דאך נישט געווען אזוי געלערנט ווי היינט. און צו קענען זאגן אזא מליצה, האט מען דאך געדארפט זיין געלערנט. ווען זי האט עס געזאגט, האט ער געקוקט ווער עס זאגט דאס. ווען ער איז אוועקגעגאנגען, האט ער חרטה געהאט אויף דעם וואס ער האט געקוקט אויף א יודישע טאכטער, וואס ער האט נישט געדארפט צו קוקן. ווען ער איז אהיימגעקומען צו זיין אכסניא, האט ער זיך נישט געקענט בארואיגן, ער האט אנגעהויבן צו וויינען אויפן קול, אז ער איז נכשל געווארן מיט א זאך וואס יארן האט ער געהאט שמירה דערויף, ער האט קיינמאל נישט אויפגעהויבן די אויגן צו זעהן. און יעצט האט ער אזוי געטון.

**דער** בעל הבית האט געהערט קולות, איז ער אריינגעקומען אין שטוב, האט ער געזעהן ווי ער וויינט. האט ער אים געפרעגט, וואס האט פאסירט. האט ער פארציילט. ווען דער בעל הבית האט געזעהן אז ער קען זיך נישט בארואיגן, זאגט ער אים, איך האב א עצה פאר דיר, אזוי ווי עס איז אסור לאדם לקדש אשה עד שיראנה (קידושין מא.), אפשר שליסט דו א שידוך מיט איר, וועט אויסקומען אז דאס וואס דו האסט איר יעצט געזעהן, איז געווען לצורך די קידושין. איז ממילא האסטו נישט געטון קיין איסור. עס איז אים איינגעגאנגען, ער גייט אזוי טון, אבער ער גייט קודם פרעגן דעם ישמח משה.

**איז** דער בעל הבית מיט דעם בחור אריבער צום **ישמח משה**, און ער האט פארציילט די גאנצע מעשה, דער **ישמח משה** האט געזעהן, אז ער מיינט עס ערליך, האט ער געזאגט פיין, רוף אריבער דיינע עלטערן, אז זיי זאלן קומען צו פארן, און זעהן צו מען קען ענדיגן דעם שידוך. דער **מראה יחזקאל** מיט זיין רעבעצין זענען אריבערגעקומען קיין אוהעל,

און מען האט פארציילט די גאנצע מעשה וואס עס גייט פאר. זיין מאמע האט אנגעהויבן צו וויינען, איך האב איין איינציגען זון, און מיר זענען מיוחסים, און ער איז אזא מושלם, און איך זאל גיין טון א שידוך מיט א מיידל פון די מארק, איך ווייס נישט ווער זיי זענען, און וואס זיי זענען. האט דער **ישמח משה** זיי אנגעהויבן צו בארואיגן, און ער האט געזאגט, יחוס עצמו איז אויך עפעס א ענין. זי איז א געלערנטע, מען מעג אמאל פארקוקען אויף זייטיגע זאכן, פאר א פאסיגע שידוך, צו בארואיגן דעם זון. און זיי זאלן טון דעם שידוך. זי האט זיך בארואיגט, און זי איז געגאנגען באקוקן די יודישע טאכטער, און עס איז זייער נישט געפעלן ווי אזוי זי האט אויסגעזעהן. זי האט געזעהן אז עס איז נישט פאר א שידוך. איז זי צוריקגעקומען מיט א געוויין צום **ישמח משה**, זי קען נישט מסכים זיין צו טון אזא שידוך.

**דער ישמח משה** האט געזעהן, אז מען קען נישט צווינגען צו אזא שידוך, אז נישט איז נישט. האט דער רבי מענדעלע אנגעהויבן צו וויינען, אבער וואס וועט זיין מיט דעם קוק, וואס וועט זיין מיט דעם קוק, און ער האט זיך נישט געקענט בארואיגן. האט זיך דער **ישמח משה** אנגערופן פארן **מראה יחזקאל**, איך זעה אז עס איז נישט דא קיין עצה, איך האלט אז מען זאל טון דעם שידוך, און דער אייבערשטער וועט געבן, אז זיי וועלן האבן קינדער גרויסע תלמידי חכמים. און דער שידוך איז געווארן, און פון דעם שידוך איז נאכדעם אויסגעוואקסען אזויפיל גדולי ישראל.

**די** גמרא (שבת קיג:) פרעגט אויף בועז, וכי דרכו של בועז לשאול בנשים, איז דער סדר פון בועז צו פרעגן, למי הנערה הזאת, ווער די נערה איז. זאגט די גמרא, אז ער האט געזעהן ביי איר א דבר חכמה. ער האט געזעהן ווי אזוי זי קלויבט די לקט, אז זי האט נאר גענומען צוויי שבלים, און דריי האט זי נישט גענומען. ער האט געזעהן ביי איר צניעות, ווען זי האט זיך געדארפט אראפבייגען, האט זי זיך נישט אראפגעבויגען, נאר זי האט זיך אראפגעזעצט. האט ער געזעהן אז זי איז א אויסנאם, האט ער געפרעגט ווער זי איז. עס פארענטפערט נאך אלץ נישט אינגאנצן די קשיא, ווייל די גמרא (עבודה זרה כ.) זאגט, אז רבי עקיבא האט אמאל געזעהן אשת טורנוסרופוס הרשע, רק ושחק ובכה, האט ער קודם געגעבן א שפיי, און נאכדעם האט ער געגעבן א שמייכל, און נאכדעם האט ער אנגעהויבן צו וויינען. זאגט די גמרא, אז ער האט געגעבן א שפיי, ווייל זי קומט פון א טפה סרוחה. שחק, נאכדעם האט ער געגעבן א שמייכעל, ווייל ער האט געזעהן אז זי גייט זיך מגייר זיין, און ער וועט מיט איר חתונה האבן. בכה, נאכדעם האט ער געוויינט, על האי שופרא דבלי בארעא, זי איז געווען א שיינע, און נאכדעם וועט זי אוועקגיין פון די וועלט, און עס וועט נישט בלייבן גארנישט.

**פרעגט** די גמרא, ווי אזוי האט רבי עקיבא געמעגט קוקן. זאגט די גמרא, אז עס איז געווען בקרן זוית, עס איז געווען א ווינקל, ער האט זיך איינגעדרייט פון דעם ווינקל צו גיין, און זי איז געקומען פון די אנדערע זייט, ער האט נישט געזעהן אז עס קומט איינער אקעגן, האט ער נישט געוואוסט אז ער דארף זיך היטן, האט ער איר באמערקט. פרעגט דער **חתם סופר** (פ' כי תצא פח.), דאס פארענטפערט אז ער האט נישט געקוקט בכוונה, ווייל עס איז געווען א קרן זוית, אבער לא יאונה לצדיק כל און (משלי יב-כא), דער אייבערשטער פירט נישט צו פאר א צדיק, ווי קומט אז רבי עקיבא זאל זעהן אשת טורנוסרופוס הרשע. זאגט דער הייליגער **חתם סופר**, אזוי ווי צום סוף האט ער דאך חתונה געהאט מיט איר, האט דער אייבערשטער געוואלט ווייזן פאר אים א רמז, אז דאס איז זיין שידוך. האט דער אייבערשטער צוגעפירט פארדעם אז מען זאל זיך זעהן, און אז מען וועט זיך זעהן, איז א סימן אז דאס דארף זיין זיין שידוך, ווייל אז נישט, וואלט געווען לא יאונה לצדיק כל און.

**בועז** איז אין דרכו לשאול בנשים, בועז האט זיך נישט אויפגעהויבן די אויגן ווען ער איז געווען דארט. פערצופאל די נערה האט ער יא געזעהן. האט זיך בועז געוואונדערט, ווי קומט עס צו אים, אז ער זאל איר זעהן, לא יאונה לצדיק כל און. איז דאך נאר ווייל עס איז אסור לאדם לקדש אשה עד שיראנה, ער דארף מיט איר חתונה האבן. און אזוי ווי מען געפונט ביי רבי עקיבא אז מען האט צוגעפירט פון הימל אז מען זאל זעהן, האט מען פון הימל צוגעפירט, אז ער זאל איר זעהן, ווייל דאס גייט זיין זיין זיווג. האט ער געפרעגט למי הנערה הזאת, מיט וועם גיי איך חתונה האבן. האט מען אים געזאגט די

מעלות, אז זי איז א בעלת חסד, זי איז געקומען מיט נעמי. האט איר בועז געזאגט, הגיד הגיד לי וואס דו האסט געטון מיט דיין שוויגער, דו זאלסט נישט אוועקגיין פון דא, ואל תלכי ללקוט בשדה אחר, אז מען האט צוגעפירט פון הימל אז איך זאל דיר זעהן, איז וגם לא תעבורי מזה, דו וועסט זיך שוין נישט אפטון פון דא קיינמאל. נישט נאר אז דו וועסט בלייבן דא קלויבן, דו וועסט שוין בלייבן דא מיין ווייב, און דו וועסט שוין בלייבן דא אויף שטענדיג. וכה תדבקון עם נערותי, דו וועסט שוין בלייבן מיט מיינע נערות וואס ארבעטן דא. אז מען האט צוגעפירט פון הימל אז איך זאל דיר זעהן, לא יאונה לצדיק כל און, עס מוז זיין אז עס איז דא א שידוך וואס שפינט זיך צווישן אונז צוויי, וועגן דעם האט מען צוגעפירט פון הימל אז איך זאל דיר זעהן, איז ממילא וגם לא תעבורי מזה, וועסטו זיך נישט אפטון פון דא ווייטער אויך נישט.

*

אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל השבע ברכות של בת הרב **שמואל באדאנסקי** שליט"א, עב"ג בן הר"ר **מיכאל דוב מענצער** הי"ו, שהתקיים באולם בעדפארד פערעדייס, ונשא מדברותיו. אחר כך רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** וואונטשט אן, און מען איז מתפלל שמח תשמח רעים האהובים, כשמחך יצירך בגן עדן מקדם. דער אייבערשטער זאל משמח זיין די רעים האהובים וואס שטעלן אויף א נייע שטוב, כשמחך יצירך בגן עדן מקדם, די העכסטע שמחה איז געווען דעמאלטס, אזוי זאל דער אייבערשטער זיי משמח זיין. עס איז א דאפעלטע לשון 'שמח תשמח', עס איז גענוג איין לשון, שמח רעים האהובים, זיי משמח די רעים האהובים. וואס איז די דאפעלטע לשון שמח תשמח רעים האהובים.

**אין** פשטות ווייסט מען, אז יעדע גשמיות'דיגע שמחה האלט נישט אן לאנג, עס ענדיגט זיך אמאל, מען פארגעסט פון די שמחה, און אסאך מאל האט מען חרטה אויף די שמחה וואס איז געווען. יעדע שמחה פון גשמיות איז א הוה'דיגע שמחה, און איין מאל עס גייט פארביי, בלייבט דערפון גארנישט. א שמחה של מצוה איז א שמחה וואס איז א נצחי, עס בלייבט אויף שטענדיג. אפילו ווען מען איז אוועק פון די שמחה, בלייבט נאך אלץ די גוטע געפיל וואס א מענטש האט פון א שמחה של מצוה. אזוי שטייט אין הייליגע ספרים, וצדיקים ישמחו יעלצו לפני אלקים, וישישו בשמחה (תהלים סח-ד), ביי צדיקים איז ישישו בשמחה, די שמחה האט ווייטער א המשך, זיי פרייען זיך שטענדיג מיט די שמחה.

**די** רעים האהובים האבן א שמחה, זיי שטעלן אויף א בית בישראל. איז מען מתפלל, אז עס זאל נישט נאר זיין א שמחה יעצט בשעת די נישואין. ביי די גוים להבדיל איז אויך דא אזא שמחה. נאר שמח תשמח, מען זאל האבן א שמחה, וישישו בשמחה, עס זאל אנהאלטן די שמחה אויף שפעטער אויך.

*

**עס** קען אפשר זיין א ענין דערין. מען זעהט ווען מען מאכט א שמחה, רופט מען די גאנצע משפחה, מען רופט גוטע פריינט זאלן זיך באטייליגען אין די שמחה. מיר ווייסן אז חייב אדם לברך על הרעה, כשם שמברך על הטובה. וואס דער אייבערשטער פירט מיט א מענטש, דארף מען דאנקען דעם אייבערשטען, נפקא מינה לקבלונהו בשמחה (ברכות ס:), מען דארף עס מקבל זיין. א אמת'דיגער ערליכער יוד, פריידט זיך מיט אלעס וואס דער אייבערשטער טוט אים צושטעלן. אויב עס איז טוב פריידט ער זיך מיטן גוטס, און ח"ו מיטן רעה דארף מען זיך אויך פרייען. מען האט אבער קיינמאל נישט געהערט, אז ווען עס פאסירט ביי א מענטש א רעה, אז ער זאל צוזאמרופן דעם עולם, און מאכן א שמחה, און געבן א סעודה. וואס איז דאס אנדערש פונעם טוב וואס מען רופט יעדער איינער זאל זיך מיטפרייען. אויב עס איז דא א חיוב מקבל צו זיין בשמחה אפילו א דבר רע, פארוואס איז דארט אנדערש די שמחה פון א שמחה של מצוה.

**מען** ברענגט צו א ווארט פונעם **קאזניצער מגיד זי"ע** [עס איז נישט געדרוקט אין **עבודת ישראל**], דער פסוק (ישעיה סא-י) זאגט, שוש אשיש בה', תגל נפשי באלקי. ה' דאס איז מדת החסד, אלקי דאס איז מדת הדין. ווען א מענטש דארף זיך פרייען ח"ו מיט א

צער וואס פאסירט צו אים, פרייט ער זיך אליין, ווייל דער חבר קען זיך נישט מיטפרייען מיט יענעמס צרה, און זאגן מען דארף אלעס מקבל זיין בשמחה, לאמיר מאכן א טענצל צוזאמען, און זינגען צוזאמען, ווייל א יוד דארף זיך מצער זיין בצרת חבירו. אפילו יענער איז מחויב בשמחה, ער איז טאקע מחויב מקבל צו זיין בשמחה, אבער זיינע גוטע פריינד, דארף פאר יעדן יוד ווי טון, ווען א צווייטער יוד איז אין א זמן פון א צער. ווען מען איז אין א זמן פן א צרה, פריידט מען זיך נאר אליין. ווען דער אייבערשטער העלפט א יוד, אז ער איז אין א זמן פון א שמחה, דעמאלטס איז עס א שמחה פאר יעדן איינעם, יעדער קען זיך מיטפרייען צוזאמען מיט די שמחה.

**שוש** אשיש בה', ווען עס איז מדת החסד, איז שוש אשיש, איך פריי זיך, און אנדערע פרייען זיך מיט. אבער תגל נפשי באלקי, ווען עס איז אלקי, עס איז מדת הדין, איז נאר תגל נפשי, איך דארף זיך פרייען. אז דער אייבערשטער האט עס צוגעשיקט פריידט ער זיך, אבער ער קען נישט מאכן א סעודה, ער קען נישט צוזאמרופן אנדערע זאלן זיך מיטפרייען, ווייל פאר אנדערע איז עס א צער, אז דער חבר געפונט זיך אין אזא מצב. איז תגל נפשי באלקי, ביי מדת הדין איז תגל נפשי, דער מענטש אליין פריידט זיך, אבער ער קען נישט מיטטיילען די שמחה מיט אנדערע.

**איז** מען מתפלל, אז דער אייבערשטער זאל געבן, אז די רעים האהובים זאלן האבן שמחה. אבער דאס איז דאך נישט קיין געהעריגע ברכה, ווייל שמחה דארף מען האבן שטענדיג. ווי אזוי דער זיווג געלונגט, ווי אזוי עס וועט זיך אויסשטעלן די שטוב שפעטער, וואס מען האט אים צוגעשיקט פון הימל, דארף א יוד מקבל זיין. אין אלע אומשטענדן וואס עס האט פאסירט, דארף א מענטש האבן שטענדיג שמחה. אבער יענע שמחה ווען עס איז נישט ווי עס דארף צו זיין, דאס איז נאר א שמחה וואס דער מענטש אליין האט, אבער קיינער פריידט זיך נישט מיט. די עלטערן פרייען זיך נישט, און די גוטע פריינט פרייען זיך נישט מיט. איז מען מתפלל, 'שמח תשמח' רעים האהובים, דער באשעפער זאל געבן פאר די רעים האהובים אזא שמחה, וואס נישט נאר זיי אליין זאלן זיך פרייען, נאר אנדערע זאלן זיך אויך קענען מיטפרייען מיט די שמחה. ווען דער אייבערשטער העלפט, אז דער זיווג איז עולה יפה, עס בויט זיך אויף א שיינע יודישע שטוב אינאיינעם, איז עס נישט נאר א שמחה וואס זיי זענען זיך אליין משמח, נאר יעדער פריידט זיך מיט, מיט די שמחה. שמח תשמח רעים האהובים, מען פריידט זיך אליין, און מען רופט אנדערע זיך מיטצופרייען.

**לענינינו** אזא שיינע חשובע זיווג וואס האט זיך צוזאמגעשטעלט, רבי שמואל זאל זיין געזונט, וואס עס איז תורה וגדולה במקום אחד, דער חשובער מחותן איז מרביץ תורה אזויפיל יארן. אמאל איז דא וואס א מענטש פריידט זיך, דער אייבערשטער העלפט אים, אז ער איז אין א גוטע מצב, ער האט א שמחה, ער זוכט אבער נישט מיטצוטיילען פון זיין שמחה ארויסצוהעלפן פאר אנדערע, ער לעבט פאר זיך אליין אין זיין וועלט, אז ער זאל האבן אלעס וואס ער דארף צו האבן, אבער עס אינטערעסירט אים נישט קיין צווייטער. אז דער אייבערשטער העלפט, דער באשעפער איז מזמין פאר איינעם, אז ער קען זיך אליין פרייען, און שטענדיג האט ער אינזין אנדערע אויך משמח צו זיין, דאס איז די אמת'דיגע שמחה.

**רבי** שמואל זאל זיין געזונט, דער אייבערשטער האט אים געבענטשט מיט וואס ער דארף צו האבן. און די שמחה האלט ער קיינמאל נישט פאר זיך אליין, ער פראבירט אייביג צוצוהעלפן און ארויסהעלפן אנדערע. אזופיל יארן וואס מיר זענען שוין צוזאמען, אזויפיל יארן וואס ער טוט חסד נישט נאר מיט די אייגענע ארום און ארום, נאר ער טוט חסד פאר אנדערע אויך. אזא סארט שמחה בעהט מען אז עס זאל זיין ביי די רעים האהובים. שמח תשמח זיי זאלן זיך אליין פרייען, און זיי זאלן קענען משמח זיין אנדערע אויך.

**וויל** איך נאר וואונטשען, אז דער באשעפער זאל געבן אז דער זיווג זאל עולה יפה זיין, עס זאל זיין א בנין עדי עד. און אלע פשטים וואס איז דא אין שמח תשמח רעים האהובים זאלן מקויים ווערן ביי זיי. און מיר זאלן זוכה זיין אלע אינאיינעם, וכמשוש חתן על כלה ישיש עליך אלקיך, בביאת בן דוד במהרה בימינו אמן.

אחר השבע ברכות השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **ראובן לעפקאוויטש** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **יהודה ווייס** הי"ו, שהתקיים באולם פרדס צבי. ואצל החתונה של בת הרב **משה יעקב פישער** שליט"א, שהתקיים באולם כתר רייזל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתנים והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שני פרשת בהעלותך***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין להבחור **נפתלי הערצקא** נ"ו בן הר"ר **דוב ברילל** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל השבע ברכות של החתן **שמשון בנימין** נ"ו בן הר"ר **ישראל מרדכי ווייסבערג** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **וואלף דרעזנער** הי"ו, שהתקיים באולם טשיינע גלאט. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל סעודת שלשים של הר"ר **מנחם מאיר בערקאוויטש** ע"ה, שהתקיים באולם סאמבאטהעלי, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** איז זיך צוזאמגעקומען צו די סעודת שלשים פון א אדם חשוב רבי מנחם מאיר ז"ל. א יוד וואס איז געווען פונעם פריערדיגען דור, און מיטגעלעבט מיטן פריערדיגן דור. אמעריקא האט נישט געלאזט א רושם אויף אים, ער האט זיך געפירט אזוי ווי א יוד האט זיך געפירט אין די אמאליגע צייטן. איז אוודאי אז ווען עס קומען זיך צוזאם די קינדער און די איינקלעך, איז א ענין ארויסצוברענגען די חשיבות פון ארויפקוקען אויף די עלטערן, און ממשיך זיין די דרכים וואס מען האט געזעהן.

**מען** געפונט די וואך אין די פרשה, די מצוה פון הדלקת המנורה. בהעלותך את הנרות, ווען דו ווערסט אנצינדען די נרות, אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות (במדבר ח-ב), די נרות זאלן לייכטען אל מול פני המנורה. עס איז דא כמה דקדוקים אינעם פסוק, וואס איז טייטש ווען דו ווערסט אנצינדען, עס דארף שטיין א ציווי, דו ביסט מחוייב אנצוצינדען יעדן טאג די מנורה, און אזוי און אזוי זאלסטו צינדען. בהעלותך איז אזא לשון רשות, ווען דו ווערסט אנצינדען די נרות, יאירו שבעת הנרות.

**און** עס איז געווען די מצוה, אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות, אז אלע נרות פוןביידע זייטן, האבן זיך געדארפט בייגען צו די מיטל'דיגסטע חלק פון די מנורה. עס וואלט געדארפט צו שטיין אל מול פני המנורה יאירו 'ששת' הנרות, דריי פון די זייט, און דריי פון די אנדערע זייט, האבן זיך געבויגן צו די מיטל'דיגסטע חלק. פארוואס זאגט די פסוק יאירו 'שבעת' הנרות. צו די מיטל'דיגסטע פון די מנורה זאלן זיך בייגען אלע זיבן?! די מיטל'דיגסטע איז דאך אינדערמיט. און וואס איז דער ענין דערפון? יעדע זאך וואס איז דא אין די תורה, איז דא א געוויסע מוסר וואס מען לערנט זיך אראפ דערפון.

**און** נאך א גרעסערע חידוש, עס שטייט אין נ"ך (מלכים א ז-מט), אז ווען שלמה המלך האט געבויט דעם בית המקדש, האט ער געמאכט צען מנורות. עס איז געווען איין מנורה פון משה רבינו, און עס איז געווען נאך צען מנורות צוגעשטעלט (מנחות צט.). און דער הייליגער **חתם סופר** (תורת משה לה.) זאגט, אז געווענליך לערנט מען פשט, אז מען האט אנגעצינדען די אלע מנורות, און ביי יעדע מנורה זענען דריי פון די זייט און דריי פון די אנדערע זייט געווען געבויגען אל מול פני המנורה. און אלע צען מנורות זענען געווען אויפן זעלבן פארעם אויסגעשטעלט. דער הייליגער **חתם סופר** זאגט, ניין. נאר די ערשטע מנורה וואס מען האט געצינדען, איז געווען געבויגען צו די מול פני המנורה. אבער אלע אנדערע צען מנורות וואס שלמה המלך האט געצינדען, זענען אלע נרות געווען געבויגען צו די מיטל'דיגסטע פון די ערשטע מנורה. דאס איז טייטש, אז אלע צען מנורות וואס האבן געלאכטען, האט אלעס געלאכטען צו די מיטל'דיגסטע פון די ערשטע מנורה וואס מען האט געצינדען. וואס איז דער ענין דערפון, אז יעדע מנורה דארף זיין געבויגען צו דערמיט. און פארוואס דא האבן זיך נישט אלע געבויגען צו דערמיט, נאר אלעס האט זיך געבויגען צו דער מיטל'דיגסטע ערשטע מנורה.

**לענינינו** קען זיין, די מיטל'דיגסטע חלק פון די מנורה, שטייט אין הייליגע ספרים, אז דאס ווייזט אויף די עלטערן, און די קני המנורה, דאס ווייזט אויף די קינדער. עס איז דא דער גוף המנורה, וואס דאס איז דער טאטע און דער מאמע, וואס זיי שטעלן אויף די שטוב. און פון זיי איז דא די קני המנורה, די קינדער וואס קומען ארויס פון זיי, וואס זיי זענען צוגעטשעפעט צו די מנורה. און קינדער דארפן שטענדיג ארויפקוקען אויף די דרכי אבות, קוקען אויף די עלטערן, חייב אדם לומר מתי יגיעו מעשי למעשי אבותי (תנא דבי אליהו פרק כה). והיו עיניך רואות את מוריך (ישעיה ל-כ), ביי יעדע זאך קוקען ווי אזוי האט זיך מיין טאטע געפירט, ווי אזוי האט זיך דער זיידע געפירט. דאס איז די ריכטיגע וועג ווי אזוי מען דארף ווייטער ממשיך זיין, זיך צו פירן אויף דעם וועג. - די תורה האט געהייסען מען זאל צינדען די מנורה, וואס די תורה ווייזט דאך אויף נר מצוה ותורה אור, אז עס איז דא די מיטל'דיגסטע חלק פון די מנורה, און אלע נרות זאלן זיך בייגען אל מול פני המנורה. די קנים, די קינדער, דארפן שטענדיג זיין געבויגען און קוקען אויף די וועגן פון די עלטערן, און זיך אזוי פירן.

**יעדע** מנורה האט זיבן נרות. שלמה המלך האט געמאכט צען מנורות, איז דאס געווען נאך זיבעציג נרות. זיבעציג נרות דאס איז אקעגן די זיבעציג נפשות וואס קומען ארויס פון יעקב אבינו. קודם איז געווען י"ב שבטי י-ה, און נאכדעם איז געווען שבעים נפש, וואס פון דעם איז שפעטער געווארן ששים רבוא נפשות. די שורש פון יודען איז געווען שבעים נפש. די קינדער און אייניקלעך פון יעקב אבינו זענען געווען שבעים נפש. האט די תורה געזאגט, אז אלע זייטיגע מנורות וואס ברענען אין בית המקדש, זאלן זיך אלע בייגען אל פני המנורה, צו דעם טאטען צו דעם זיידען וואס ער איז אינדערמיט, אלע זאלן געבויגען ווערן צו אים.

**דער חתם סופר** זאגט, אז דאס איז פשט אינעם פסוק, די ערשטע מנורה וואס מען צינדט, איז א חיוב צו צינדען. אבער די איבריגע נרות וואס מען צינדט, איז נישט קיין חיוב, ער איז נישט מחוייב צו צינדען צען מנורות, עס איז גענוג אז מען צינדט איינס. עס איז נאר א רשות, אז מען וויל צינדען מער, קען מען צינדען מער. - זאגט די תורה, בהעלותך את הנרות, די אנדערע מנורות וואס איז נישט קיין חיוב אויף דיר צו צינדען, עס איז נאר בהעלותך, ווען דו וועסט וועלן צינדען קענסטו עס צינדען, די מנורה זאל זיין אל מול פני המנורה, צו די מיטל'דיגסטע פון די ערשטע מנורה, יאירו שבעת הנרות, האבן זיך אלע שבעת הנרות אהינגעבויגען.

**און** אז מען רעדט אז עס ווייזט אויף די שבעים נפש, אויף די קינדער און די אייניקלעך, לערנט אונז די תורה, אז מען דארף שטענדיג ארויפקוקען אויף די וועגן פון די עלטערן ווי אזוי מען האט זיך געפירט, סיי די זון און סיי די אייניקלעך, אלע שבעים נפש וואס קומען ארויס פון יעקב אבינו, האבן זיך אלע געדארפט בייגען, און שטענדיג קוקען, ווי אזוי עס האט געלאכטן דער פני המנורה. ווי אזוי די עלטערן האבן זיך געפירט, דארף מען דאס זעהן ממשיך צו זיין ביי די אייגענע שטובער.

**מען** זעהט אבער נאך א חידוש, אז דער מיטל'דיגסטער חלק פון די מנורה, לויט כמה דיעות אין די גמרא (מנחות צח:), איז דאס געווען דער נר המערבי. דער נר המערבי האט געברענט שטענדיג, עס האט זיך קיינמאל נישט אויסגעלאשן. [על כל פנים אין די צייטן פון שמעון הצדיק (יומא לט:)]. אין דעם ליגט אויך א רמז, דער טאטע דאס איז דער נר המערבי, ער איז די מיטל'דיגסטער פון די מנורה. דער זיידע פון די אייניקלעך איז דער נר המערבי וואס איז אינדערמיט. נר ה' נשמת אדם. עס קומט אבער אמאל א צייט וואס עס ווערט אויסגעלאשן דער נר, א מענטש לעבט נישט אויף אייביג, און מען קען מער נישט טון קיין מצות און מעשים טובים. במתים חפשי (תהלים פח-ו), כיון שמת נעשה חפשי מן התורה ומן המצות (שבת ל.). אבער מען קען מאכן אז דער טאטע זאל לעבן שטענדיג, ער זאל לייכטן שטענדיג, אפילו בעולם העליון, ווען ער איז שוין נישט דא אויף די וועלט. ווען קינדער און אייניקלעך וואס מען לאזט איבער אויף די וועלט, פירן זיך בדרכי התורה, לייכט דער טאטע ווייטער אפילו ווען ער איז שוין אויף יענעם עולם. ווען אלע נרות גייען זיך בייגען אל מול פני המנורה, צו די מיטל'דיגסטע חלק פון די מנורה, וועט ער קיינמאל נישט ווערן אויסגעלאשן. אפילו ווען עס קומט דער צייט וואס דער נר פונעם מענטש ווערט אויסגעלאשן, דער נר וועט בלייבן. אבער דאס איז נאר ווילאנג עס בייגען

זיך די נרות צו די פני המנורה, ווען קינדער און אייניקלעך גייען בדרכי אבות, דאס איז א עילוי פאר די נשמה. יעדע דבר טוב וואס מען טוט, און כל שכן אין די ערשטע יאר, מען לערנט משניות, מען גיט צדקה, וואס מען טוט און מען האט אינזין אז דאס זאל זיין לעילוי פון די נשמה פון די עלטערן, האט עס א עקסטערע חשיבות. און אויך אלע יארן שפעטער וואס קינדער און אייניקלעך פירן זיך אויף ווי עס דארף צו זיין, איז עס א עילוי פאר די נשמה וואס האט זיי אראפגעברענגט אויף די וועלט. וועגן דעם איז דער מיטל'דיגסטער חלק פון די מנורה, דאס ברענט אפילו ווען אלע האבן זיך אויסגעלאשן איז ער געבליבן לייכטן אויף שטענדיג.

**רבי** מנחם מאיר ז"ל, האט אליין אנגעצינדען זיין ליכטל, ער האט עוסק געווען בתורה ובמצות, זיינע תפלות איז געווען מיט אזא השתפכות הנפש, ווי אזוי זיין שבת האט אויסגעזעהן, די ענינים וואס מען האט געזעהן ביי די טאטע און די זיידע, דארף מען זעהן ממשיך צו זיין אין די אייגענע שטובער, דעמאלטס וועט בלייבען דער נר המערבי לייכטן אויף שפעטער. ווען עס וועט זיין אלע שבעת קני המנורה, אלע עשר מנורות וועלן זיך בייגען אל מול פני המנורה, דעמאלטס וועט די ליכט ברענען שטענדיג.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, אז די נשמה זאל האבן א עליה, און זיין א מליץ יושר פאר די חשובע קינדער און אייניקלעך וואס גייען בדרכי אבותיהם. און מיר אלע זאלן זוכה זיין אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל שמחת התנאים של בת הר"ר **וואלף שפיערער** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **הלל כף** הי"ו, שהתקיים בבית אבי הכלה. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת התנאים.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **אלעזר יואל גאלדבערגער** הי"ו, שהתקיים באולם בעדפארד פערעדייס.

אחר הבר מצוה השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן ש"ב **הרה"ג חיים אבערלאנדער שליט"א** אב"ד ווילעדניק, עב"ג בת **הרה"ג רבי יקותיאל יצחק שווארץ שליט"א** אב"ד בראד, שהתקיים באולם אימפיריעל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שלישי פרשת בהעלותך***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **אלעזר יואל גאלדבערגער** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לסידור קידושין אצל החופה של בן הר"ר **חיים מנחם זינגער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יצחק פריינד** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת חינקא.

*

***יום רביעי פרשת בהעלותך***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה והשתתף אצל השבע ברכות של בן הרה"ג רבי **פישל לעווי** שליט"א (מנהל ישיבה קטנה), עב"ג בת הר"ר **יוסף צבי גרינוואלד** הי"ו. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות הערב הגיע **רבינו שליט"א** לסידור קידושין אצל החופה של החתן **שמואל לוי** נ"י בן הר"ר **שלום וויטריאל** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **נחמן דוד לייכטער** הי"ו, שהתקיים באולם עדן פאלאס.

אחר מעריב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל החתונה של בן **הרה"ג רבי מאיר יוסף אייכענשטיין שליט"א** (בן הגה"צ אב"ד בערטש שליט"א, וחתן הגה"צ אב"ד באבוב 45 שליט"א), עב"ג בת הרב **יעקב פעלדמאן** שליט"א, שהתקיים באולם פאלאס.

כמו כן השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן הר"ר **שלמה זלמן** (ב"ר אהרן הערש) **עלבויגען** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **נפתלי פרידמאן** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת חיה.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל החתונה של החתן **שמואל לוי וויטריאל** נ"ו. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום חמישי פרשת בהעלותך***

אחר תפלת שחרית התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **יואל** (ברא"ש) **פייערווערקער** הי"ו.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך, ושיעור השבועי באור החיים הק'. אחר כך התפלל **רבינו שליט"א** תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבוע **באור החיים הק'** בבית מדרשנו זכרון יהודא.

אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל סעודת הילולא של אחיו **כ"ק הגה"צ אב"ד תולדות אהרן וומסב"ג זצ"ל**, שהתקיים בבית המדרש **תולדות אהרן**.

*

***ערב שבת פרשת בהעלותך***

אחר תפלת שחרית שימש **רבינו שליט"א** במוהלות אצל הברית של בן הר"ר **חיים זאנוויל וויזל** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש תורת חיים וויזניץ.

*

***שבת קודש פרשת בהעלותך***

ביום שבת קודש אחר התפלה השתתף **רבינו שליט"א** אצל הקידושא רבא לרגל העליה לתורה של ש"ב בן הרב **הערש לייב פאללאק** שליט"א (בן גיסו הגה"צ אב"ד וואדקערט שליט"א) שהתקיים בבית המדרש וואדקערט.